UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 09 05 06 13 002 6

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

BRIEF
DSA
0012203

01-816-555

ציון

# די יודישע באנק

## נאך די באזעלער קאנגרעס - רעפעראטען

פון ה' װאלפזאהן און ד"ר באדענהײמער

אומגעארבײטעט דורך

## מקל


פערלאג „עזרא"

ברדיטשוב

דרוק פון חיים יעקב שעפטיל

שנת תרנ"ט לפ"ק



ЕВРЕЙСКIЙ КОЛОН. БАНК

Макеля



Изданіе „Эздры", Бердичевъ.

1898

LIBRARY
19
FEB
15
BRIEF
PSA
00122203

Дозволено Цензурою Кіевъ 12 Декабря 1898 г.

Бердичевъ. Типографія Я. Г. Шефтеля.
Бѣлопольская ул. д. Зака

דער ציוניזם האט אינ'ם משך פונ'ם יאהר געמאכט היבשע שפאן. אין יאהר — וואס איז דאס אינ'ם לעבען אפילו פון איינצעלנע מענשען, ובפרט אינ'ם לעבען פון א גאנץ פאלק? איין זאנג אין א סטערטע תבואה, איין טראפען אין ים, האבען אפשר א גרעסערען ערך צום גאנצען, ווי איין יאהר אין דער געשיכטע פון א פאלק!

און פון דעסטוועגען האט אונזער ערשטעם ציוניסטיש יאהר, זיך מערקווירדיג געגיבען צו דערקענען אין אונזער געשיכטע. מיר זענען אין דעם יאהר מיט א מאל אויסגעוואכסען גאנצע דורות לאנג!

פאר איאהרען בעת מיר האבען אנגעהויבען הערען מיט אונזערע ברידער פון ציוניזם, האבען מיר קודם כל געמוזט זוכען א הכשר אין די הייליגע ספרים, מיר האבען געמוזט בריינגען ראיות אז סע נישקשה צו טראכטען וועגען א גאולה בדרך הטבע; מיר האבען געמוזט אויסלויבען די כלה מיט איהרע זייטיגע מעלות, וואס פאר א גרויסע מיוחסת זי איז, אז זי שטאמט ארויס פון גרויסע גאונים און צדיקים.

און אז איינמיצער זאל אונז געווען אבפרעגען א קשיא: יא, ברידער, איהר זענט טאקע גערעכט. דער שדוך איז טאקע גאר וואהל, צי ווועלען מיר אבער קענען קומען צו איהם? דרויף האבען מיר איהם מיט קיין לעבעדיגע ראיות ניט געקאנט ענטפערען; מיר האבען גאר געקאנט זיך צוגיסען אין הויכע מליצות, אז סע איז א גרויס ארטיגע אידעע פאר וועלכער מע דארף, און סע כדאי זיך מקריב צו זיין אפילו פאר א ספק, טאמער וועט מען עפעס דערלאנגען.

אינ'ם משך פונ'ם יאהר אבער, האט זיך די זאך ארויסגעוויזען אנדערש, מיר האבען זיך איבערצייגט אז די אנפיהרער פונ'ם ציוניזם זענען ניט נאר

שאנע רעדנערס פאר אונזער שאנער אידעע, נאר טאקע ענערגישע מענשען, וואס ווילען און קאנען עפעס טהון בפועל. עס האט זיך ארויסגעוויזען אז די מענשען שלאפען ניט און ארבעטען טאקע נאר פערזאנע, צו דער זאך... און אונזער האפנונג איז געווארען הינדערט גראד שטארקער!

פיעל פון אייך האבען שוין מן הסתם געהאט דאס געלעגענהייט זיך צו באקענען מיט די ציוניסטישע נייעסען, וואס די לעצטע צייט איז פארגעפאללען, לויט די בעריכטען פון די יודישע און אלגעמיינע צייטונגען. פאר די, אבער, וואס ווייסען נאך ניט וועל איך דא דערצאהלען:

היינטיגען אסיען האט דער דייטשער קיסר ווילהעלם געמאכט א לוסט-רייזע קיין ארץ ישראל. אלע צייטונגען האבען זיך געשארפט די מוחות און געלערנט פרושים, וואס פאר נייעס וועט דיזע רייזע ברייינגען אין דער אלגעמיינער פאליטישער לאגע. נאר קיינעם איז ניט איינגעפאללען אז די רייזע זאל גאר ברייינגען וויכטיגע נייעס אין אונזער קליין יודיש וועלטעל. ניט לאנג אבער האבען די צייטונגען געבראכט די ידיעה אז בעת דער קיסר איז אנגעקומען קיין יפו איז שוין דארט געווען דער דאקטאר הערצל, און דער קיסר האט איהם, פארבייפאהרענדיג אויף זיין פערד, באלד בעמערקט און צו איהם צוגעפאהרען. דער קיסר האט איהם געגעבען די האנד און מיט איהם זעהר פריינדליך גערעדט איניגע מינוטען שטילערהייד. שפעטער איז אנגעקומען ווייטער א ידיעה אז זייענדיג אין ירושלים, האט קיסר ווילהעלם זיך געלאזט פארשטעללען א דעפוטאציע פון די ציוניסטען, וועלכע איז בעשטאנען פון ד"ר הערצל אלס ראש פון אלע ציוניסטען, ד"ר שנירער אלס וויצע-פרעזידענט פונ'ם וויענער קאמיטעט, ד"ר באדענהיימער אלס ראש פון די דייטשע ציוניסטען, ה' וואלפזאהן אלס ראש פונם קאמיטעט וועלכער ארבעט אין דער גרינדונג פון דער יודישער באנק און אינזשינער זיידענער. דער קיסר האט זיי זעהר פריינדליך אויפגענומען און זיי אונטער אנדערע ווערטער געזאגט: אז „אין אהם וועט געפונען א שטיצע דער געדאנק וועגען אויפלעבען די ערד-ארבעט און דעם מסחר אין ארץ ישראל אונטער דער אויבער-הערשאפט פונ'ם סולטאן".

מֶע דאַרְף פַארְשְׁטֶעהֶען, אַז דִי מַעֲשֶׂה וֶוערְט נוּר אַזוֹי דֶערְצֶעהלְט אוֹיפְ'ן פָּאלִיטִישֶׁען לָשׁוֹן. אִין אֱמֶת'ן אָבֶּער אִיז דָאס נִיט אַזוֹי פְּלוּצְלִינְג אַרוֹיס פוּן דֶער הֶעלְלֶער הויט. אוּנ ווירְקְלִיךְ הָאבֶּען דִי צַייטוּנְגֶען נָאכְדֶעם מוֹדִיעַ גֶעוֶוען, אַז דִי אוֹידִיֶענְצִיֶע (קַבָּלַת פָּנִים) אִיז נָאךְ גָאר פְרִיעֶר גֶעוֶוען אָבְּגֶערֶעט צְווִישֶׁען קֵיסָר ווִילְהֶעלְם אוּנ ד"ר הֶערְצְל, אוּנ דֶער קֵיסָר הָאט גוּט גֶעווּסְט פְרִיעֶר וָואס ד"ר הֶערְצְל וֶועט אִיהם זָאגֶען. מֶע דַארְף אוֹיךְ פַארְשְׁטֶעהֶען אַז נִיט ד"ר הֶערְצְל אוּנ נִיט דֶער דַייטְשֶׁער קֵיסָר זֶענֶען אַזוֹי נַאאִיו צוּ „מַאכֶען דִי דִי רֶעכְנוּנְג אָהְנֶ'ם בַּעַל־הַבַּיִת"... אוּנ דִי עֶנְגְלִישֶׁע יוּדִישֶׁע צַייטוּנְג אִיז טַאקֶע מוֹדִיעַ אַז ד"ר הֶערְצְל אִיז פְרִיעֶר גֶעוֶוען אִין סְטַאמְבּוּל בַּיי'ם סוּלְטַאן אַזוֹי אַז דִי טִירְקִישֶׁע מְלוּכָה הָאט אַ פָּנִים אוֹיךְ גֶעווּסְט פוּן דֶער מַעֲשֶׂה פְרִיעֶר.

אַז דִי טִירְקִישֶׁע מְלוּכָה הָאט גֶעווּסְט פְרִיעֶר פוּן דֶער גַאנְצֶער רֶעדֶע, אַז זִי ווייסְט בִּכְלַל וָואס דִי צִיוֹנִיסְטֶען ווִילֶען — אוּנ הָאט פָּארְט נָאךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם דָאקְטָאר הֶערְצְל מִיט אַ מֶעדַאל, — דָאס אִיז אַ סִימָן, אַז אוּנְזֶערֶע מִתְנַגְּדִים זֶענֶען זֶעהר קוּרְצְזִיכְטִיג וֶוען זֵיי שְׁטֶעלֶּען אוּנְז בַּאלְד פַאר אַ „יוֹכִיחַ" דִי מַעֲשֶׂה וָואס מֶע לָאזְט לע"ע נִיט אַרַיין קֵיין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל. אִיבְּרִיגֶענְס קֶען אִיךְ אַייךְ דָא מוֹדִיעַ זַיין, אַז מֶע הָאט שוֹין אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרַיין לָאזֶען לע"ע עֶנְגְלִישֶׁע אוּנְטֶערְטְהָאנֶער אוּנ אִין גִיכֶען הָאפְט מֶען אַז מֶע וֶועט אָנְהוֹיבֶּען אַרַיין לָאזֶען דַייטְשֶׁע אוּנ פְרַאנְצוֹיזִישֶׁע יוּדֶען אוּנ — מִיט גָאטְס הִילְף — גָאר אִין גִיכֶען אַלֶע יוּדֶען פוּן דֶער גַאנְצֶער ווֶעלְט!

נָאךְ זֶעהר ווִיכְטִיגֶע יְדִיעוֹת זֶענֶען פַארַאנֶען, ווֶעלְכֶע מֶע פַּאסְט נִיט צוּ עֶנְטְדֶעקֶען פַאר דֶער גַאנְצֶער ווֶעלְט, אַזוֹי ווִי דִי יְדִיעָה אַלֵיין אִיז נָאךְ לע"ע פַארְשְׁלֵייעֶרְט; מִיר ווייסֶען נָאךְ לע"ע נִיט אַקוּרַאט וָואס ד"ר הֶערְצְל הָאט גֶערֶעדְט מִיטְ'ן דַייטְשֶׁען קֵיסָר. מֶע הָאט אוּנְז אוֹיף אַיין סֶעקוּנְדֶע אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען דֶעם פָּארְהַאנְג אוּנ טַאקֶע בַּאלְד צוּרִיק אַרָאבְּגֶעלָאזְט — מִסְתָּמָא דַארְף אַזוֹי צוּ זַיין אוּנ אַלְס קְלוּגֶע פֶארְזִיכְטִיגֶע מֶענְשֶׁען דַארְפֶען מִיר ווֶענִיגֶער דֶערְפוּן רֶעדֶען, נוּר הֶערֶען אוּנ שְׁווייגֶען אוּנ — הָאפֶען.

דֶער עִיקָר אִיז צוּ בֶּעמֶערְקֶען, אַז דֶער צִיוֹנִיזְם שְׁטֶעהט אַיין אִין אָרֶענְטְלִיכֶע אוּנ אִין טִיכְטִיגֶע הֶענְד, אוּנ אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ זַיין אַ פְרַאגֶע, וָואס אִינְטֶערֶעסִירְט נוּר דִי יוּדִישֶׁע מַארְק־הֶענְדְלַאךְ; דִי פְרַאגֶע אִיז

יֶעצְט אָפֶען פַאר דער גאַנְצֶער וָועלְט אוּנ אִינְטֶערֶעסִירְט די גְרֶעסְטֶע פָּאלִיטִישֶׁע קֶאפּ אִין אֵייראָפַּא.

וָואס פַאר אַ מֵיינוּנְג סֶע הָאט וֶועגֶען צִיוֹנִיזְם דֶער בֶּעוואוּסְטֶער ענְגְלִישֶׁער אָבֶּער-מִינִיסְטֶער סַאלִיסְבּוּרִי, קֶען מֶען הֶערֶען פוּן דֶעם שְׁמוּעֶס וָואס סֶע הָאט מִיט אִיהם גֶעהַאט אַ קָארֶעסְפָּאנְדֶענְט פוּן אַ ענְגְלִישֶׁער צֵייטוּנְג. אוֹיף זַיין פְרַאגֶע וִוי אַזוֹי הַאלְט עֶר וֶועגֶען צִיוֹנִיזְם, הָאט דֶער מִינִיסְטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז די מֶאגְלִיכְקֵייט פוּנְם צִיוֹנִיזְם אִיז אַנְבֶּעלַאנְגְט נוּר אִין יוּדֶען אַלֵיין. אַבִּי חָאטְשׁ 40 $^0/_0$ יוּדֶען וֶועלֶען זַיין צִיוֹנִיסְטֶען, וֶועלֶען זֵיי דֶעם פְּלַאן גֶעווִיס דוּרְכְ-פִיהרֶען, אוּנ אַז עֶר הַאלְט עֶס פַאר אַ גְלִיק נִיט נָאר פַאר'ן יוּדִישֶׁען פָאלְק, זָאנְדֶערְן פַאר דֶער טִירְקַיי אוֹיךְ אוּנ פַאר דֶער גַאנְצֶער גֶעבִּילְדֶעטֶער מֶענְשְׁהַייט, וֶועלְכֶע וֶועט פְרַיי וֶוערֶען פוּנְם פִינְסְטֶערֶען אַנְטִיסֶעמִיטִיזְם, וָואס עֶסְט אוֹיס די בֶּעסְטֶע כחות פוּן די פֶאלְקֶער, אוּנ וֶועלְכֶע וֶועט אוֹיפְלֶעבֶּען דוּרְךְ דֶעם פְרִישֶׁען שְׁטְרָאם, וָואס די צִיווִילִיזִירְטֶע יוּדֶען וֶועלֶען אַרַיינְבְּרֵיינְגֶען אִינְם ווִילְדֶען אַזִיֶען. —

ווִי אִיהר זֶעהְט, בְּרִידֶער, אִיז מֶעגְלִיךְ, אַז מִיר לֶעבֶּען גְרַאדֶע אִיצְטֶער אִין זֶעהר אַווִיכְטִיגֶען הִיסְטָארִישֶׁען מָאמֶענְט, וֶועלְכֶען מִיר דַארְפֶען נִיט פֶערְשְׁלָאפֶען. וֶוער עֶס קֶען דֶעם דָאקְטָאר הֶערְצְל פֶערְזֶענְלִיךְ, שְׁרַייבְּט די ווִינֶער צַייטוּנְג „הַשָׁבוּעַ", — דֶער ווַייסְט אַז דָא הָאט מֶען נִיט צוּ טְהוּן מִיט קֵיין פּוּסְטֶען הִיטְץ-קָאפּ, אוּנ אַז אִין דֶעם מֶענְשֶׁען שְׁלָאגְט אַ וַוארֶעם יוּדִישׁ הַארְץ אָבֶּער אוֹיךְ אַ גֶעזוּנְדֶער, קְלוּגֶער, דִיפְּלָאמַאטִישֶׁער שֵׂכֶל, אוּנ דְרִיבֶּער דַארְף מֶען גָאר נִיט זַיין קֵיין פַארְבְּרֶענְטֶער הֶערְצֶעלִיסְט. כְּדֵי צוּ גְלוֹיבֶּען, אַז די וֶוערְטֶער פוּנְם דָאקְטָאר הֶערְצְל אִין לָאנְדָאן זֶענֶען נִיט קֵיין הוֹילֶע אוֹיסְגֶעבְּלָאזֶענֶע פְּרַאזֶעס.

אוּנ ד"ר הֶערְצְל הָאט אִין לָאנְדָאן גֶערֶעדְט אַזוֹי זִיכֶער, אַזוֹי פֶעסְט, ווִי אֵיינֶער וָואס רֶעדְט פוּן אַיין אָבְּגֶעמַאכְטֶער זַאךְ. עֶר הָאט גֶעזָאגְט: „אִיךְ וִויל אַייךְ, בְּרִידֶער, נִיט אוֹיפְהֶעצֶען די פַאנְטַאזִיֶע אוּנ אַייךְ אָבְּמָאהלֶען דָאס בִּילְד ווִי דָאס יוּדִישֶׁע פָאלְק קֶעהְרְט זִיךְ אוּם אַהַיים, וּבִפְרַט אִיךְ הָאף אַז אִיהר וֶועט דָאס בְּקָרוֹב זֶעהֶען מִיט אַייֶערֶע אוֹיגֶען. אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְ-מָאל נִיט גֶערֶעדְט אַזוֹינֶע פֶעסְטֶע דִבּוּרִים ווִי אַצִינְד. אִיךְ

נייס וואס איך רעד — אין גיבען וועט דאס יודישע פאלק אנהויבען מאכען די נסיעה".

נור קיין נסים געשעהען היינטיגע צייטען ניט מעהר. פונ'ם הימעל פאלט גאר ניט אראב. מע מוז זיך אליין פערשאפען וואס מע וויל האבען. אונזער אידעע האט אלע בעדינגונגען: ארענטליכע און ענערגישע ארבעטער, גינסטיגע געלעגענהייטען, עס פעהלט נור — געלד!

די שקלים קענען אפשר גענוגען אויף „הוצאות", ווי מע זאגט, אבער צו האפען, אז פון זיי זאל ווערען די גרויסע סומען, וועלכע אזא גרויספארטיג ווערק פאדערט, וואלט געווען ווענינגסטענס זעהר נאאיוו. אלס געלד־מיטעל צו אונזער צוועק קען מען נור בעטראכטען — די יודישע באנק.

---

„די גרונדונג פון דער יודישער באנק — האט ה' וואלפזאהן געזאגט אין באזעל אויפ'ן קאנגרעס — האט ווידער אמאל בעוויזען ווי שטארק אונזער בעוועגונג האט זיך אנגענומען אינ'ם פאלק. אהן באנקיערס, אהן גבירישע שטרייטמליך, האט מען דורך געלאזט די ערשטע פראבע פון די אקציעס; מע האט געוואלט זעהען ווי אזוי נעמט עס אונזער פאלק אן. און וואס זשע איז געווארען? — אין איינינגע וואכען זענען איינגעלאפען בעשטעלונגען אויף 4 מיליאן פראנק און אלע טאג קומען נאך אן פרישע רשימות פון אקציאנערען. אזא פאלל איז נאך ניט געשעהען, אז דאס פאלק זאל אזוי פריינדליך אויפנעהמען א גרינדונג איידער מע ווייסט נאך ווער וועט שטעהן אין דער שפיצע און איידער מע ווייסט נאך וואס וועלען זיין די תקנות פון דער באנק. מיר דארפען דריבער ניט מורא האבען פאר די אלע משלים וואס אונזערע געגנער בריינגען כדי אונז אבצושלאגען פון אונזער ארבייט, ווייל עס ניטא קיין ביישפיעל צו אונזער גאנצער בעוועגונג. אהן א ביישפיל איז דער פאקט אליין אז מיר געפונען זיך דא אויף א יודישען קאנגרעס, און אהן א ביישפיל וועט אויך זיין די הצלחה פון דער יודישער קאלאניאל־באנק!

נור כדי די יודישע באנק זאל ווירקליך מצליח זיין, מוז מען זי גרינדען

אויף רײן סוחרישע יסודות. מיט נדבות קען אזא גרויסער ענין ניט דורכ־געפיהרט ווערען, מע מוז די באנק גרינדען אויף אזא אופן אז ביי דעם גרויס־ארטיגען אידעאל זאלען די אקציעס טאקע זיין א גוט געשעפט פאר זיך. מיר וועלען דא פארלעגען בקיצור פאר זונזערע לעזער די אויסזיכטען אונ די יסודות פון דער באנק לויט דעם אויסגעצייכענטען רעפעראט פון ד״ר באדענהיימער אויף׳ן באזעלער צווייטען קאנגרעס:

„דעם ציוניסטישען ציעל וועט די באנק דינען קודם כל דורך דער פער־איינינגונג פון יודישען קאפיטאל מיט יודישע ארבייטס־קרעפטען אין סוריא אונ אין פאלעסטינא.

„אז די באנק קען מאכען גוטע געשעפטען אין ארץ־ישראל בעווייזט ניט נור דער ביישפיל פון אנדערע דייטשע, ענגלישע אונ פראנ־צאזישע אונטערנעהמונגען, וועלכע ארבעטען פונקט אויף אזא אופן, זאנדערן אויך דער פאקט, אז ארץ־ישראל בעזיצט אונגעהייערע רייכטהימער, וועלכע ליגען נאך באגראבען אין דער ערד אונ ווארטען נור אויף טיכטיגע הענט, זיי זאלען קומען אונ זיי אויסגראבען.

„אז אין ארץ ישראל ליגען אזוינע רייכטהימער זאגען עדות א מענגע קריסטליכע רייזענדער, וועלכע זענען אויסגעפאהרען אונ באקוקט דאס לאנד לארכה ולרחבה, ווי מאיאר קלאדריי, נייעריק, אנדערע, אטטא אנקעל, שובערט, וואן־דע־וועלד, פאן ראטה, שפרענגער אונ פיעל אנדערע.

„אונ ניט נור ארץ ישראל אליין, זאנדערן אויך די לאנדער וואס גרעניצען זיך מיט איהר, קענען דורך דער באנק מיט נוטצען בעארבעט ווערען אונ ברייגגען גרויס פראפיט.

„עס בלייבט אלזא די פראגע: וועלכע געשעפטען דארף די באנק מאכען?

„דרויף איז צו ענטפערען: קודם כל — אייזענבאהנען. דאס בויען פון אייזענבאהנען איז, ראשית, פאר זיך אליין א גוט געשעפט. ושנית גרייט עס צו דאס ווינקעל צו אקערבוי אונ אינדוסטריע־אונטערנעהמונגען (פאבריקאנט־געשעפטען).

„ה׳ סמיט שרייבט וועגען דעם אין דעם „דזשואיש כראניקל" פאלגענדע

װֶערטֶער: נָאךְ מַיין מֵיינוּנג װֶעט דָאס אַיינְפִירֶען פוּן אַייזֶענְבַּאהנֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בְּמֵילָא אַרוֹיסְרוּפֶען דִי יוּדֶען זַיי זָאלֶען זִיךְ אוּמְקֶעהרֶען אִינ'ם לַאנְד פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערֶען. בַּיי אַבַּאהן-לִינִיֶע בּוֹיֶען זִיךְ אוֹיס דֶארְפֶער, סֶע בְּלִיהֶען אוֹיף עֶרְדאַרְבֶּעט, הַאנְדֶעל אוּנ הַאנְד-אַרְבֶּעט אוּנ נָאכְדֶעם, צִי פְרִיהֶער צִי שְׁפֶּעטֶער, אוֹיךְ פַאבְּרִיקַאצְיֶעס, אוּנ אוֹיפְ'ן אָרְט וְוִי ס'אִיז אַצוּנְד פּוּסְט אוּנ װִיסְט װֶעט אִיהר בַּאלְד זֶעהֶען לֶעבֶּעדִיגֶע אַרְבֶּעט אוּנ רַייכְטְהוּם. מֶע דַארְף דֶערְבַּיי נִיט פַארְגֶעסֶען, אַז לוֹיט דִי זַאקְאנֶעס בֶּעקוּמֶען דִי אַייזֶענְבַּאהן-גֶעזֶעללְשַׁאפְטֶען בְּמֵילָא דָאס רֶעכְט צוּ בֶּעזֶעצֶען אַבְּרֵייטֶע שְׁטִיק לַאנְד, אוּנ דְרִיבֶּער װֶעט זִיךְ דִי יוּדִישֶׁע בַּאנְק קֶענֶען בֶּענוּצֶען מִיט דֶעם רֶעכְט צוּ גְרִינְדֶען יוּדִישֶׁע קָאלָאנְיֶעס פִיר עֶרְד-אַרְבֶּעט אָדֶער הַאנְד-אַרְבֶּעט.

„װֶענְן דִי יוּדֶען װֶעלֶען פַארְשְׁטֶעהן בְּעצַייטֶענְס זִיךְ אַהִין אַרַיינְחַאפֶּען, אַיינְקוֹיפֶען אוּנ בֶּעאַרְבֶּעטֶען דָאס לַאנְד, — אִיז גָאר קֵיין סָפֵק נִיט אַז זֵיי װֶעלֶען גָאר אִין אַ קוּרְצֶער צַייט װֶערֶען דֶער גְרֶעסְטֶער אוּנ רַייכְסְטֶער טְהֵייל פוּן דִי אַיינְװאוֹהנֶער, אוּנ אַזוֹי אַרוּם אוֹיסְטְרֶעטֶען דֶעם װֶעג צוּ אַ פָאלְשְׁטֶענְדִיגֶער עֶרְװֶערְבּוּנְג.

„דִי צְוֵויטֶע אוֹיפְגַאבֶּע פוּן דֶער בַּאנְק װֶעט זַיין צוּ עֶנְטְװִיקְלֶען בֶּערְגְבּוֹי אִין אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל, װֶעלְכֶעס, וְוִי מִיר הָאבֶּען שׁוֹין גֶעזָאגְט, פֶערְמָאגְט אִין דֶער עֶרְד אַסַךְ פְּרָאדוּקְטֶען, וָואס מֶע קֶען זֵיי בֶּעאַרְבֶּעטֶען אוּנ מִיט זֵיי טְרֵייבֶּען גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְטֶען. דֶער גֶעװֶעזֶענֶער גֶענֶערַאל-קָאנְסוּל פוּן דַייטְשְׁלַאנְד, װֶעלְכֶער הָאט גֶעלֶעבְּט אוּנ גֶעאַרְבֶּעט אַ גַ'עֶנְץ פוּן 10 יָאהר אִין בֵּיירוּט שְׁרַייבְּט: אִין דֶער טִירְקַיי אִיז דֶער בֶּערְגְבּוֹי אִינְגַאנְצֶען אָבְּגֶעלָאזְט גֶעוָוארֶען אַזוֹי אַז אֲפִילוּ דִי אֶרְטֶער וָואס הָאבֶּען אַמָאל גָאר בְּלִיהֶענְד גֶעאַרְבֶּעט זֶענֶען הַיינְט פּוּסְטֶע. מֶע זָאל אָבֶּער אוּנְטֶערְהֶעלְפֶען מִיט הִיבְּשֶׁע מִיטְטֶעל וָואלְט דִי אַרְבַּייט אוּנ דֶער הַאנְדֶעל גִיךְ אוּנ מִיט אַמָאל װִידֶער אוֹיפְגֶעלֶעבְּט. אִין סוּרְיָא גֶעפִינֶען זִיךְ הִיבְּשֶׁע פְּלֶעץ מִיט נַאטִירְלִיכֶע שְׁטָאפֶען וְוִי עֶרְדקוֹילֶען אוּנ אַייזֶען. דִי 2 אַרְטִיקְלֶען, װֶעלְכֶע זֶענֶען דִי הוֹיפְּט-מְחוּיָבִים פוּן אַלֶע נַייֶעסְטֶע פַאבְּרִיקַאצִיֶעס, לִיגֶען אִין דֶער סְבִיבָה פוּנ'ם נְהַר-בֵּיירוּט אוֹיפְ'ן לְבָנוֹן אוּנ זֶענֶען שׁוֹין אַמָאל גֶענוּצְט גֶעוָוארֶען, נוּר דִי שְׁלֶעכְטֶע װֶעגֶען מִיט דֶער טַייֶערֶער שבע"ג

האבען ניט געלאזט דאס געשעפט זיך ענטוויקלען. אין סוריא איז דא א היבשער לאגער פון שטיינזאלץ, בוי-שטיינער אונ ווערקשטיינער. פון וועלכע די באנק, אדער מיט איהר הילף, קען ענטוויקלען היבשע אונ נוטצליכע געשעפטען.

„ווייטער דארף די באנק שטיצען די ערדארבעטער אונ די פלאנטאציעס וואס זענען דערמיט פערבונדען. וועגען ערדארבעט איז ניטא וואס צו רעדען, יעדער ווייסט שוין אז די ערד איז די בעסטע מוטער פונ'ם מענשען. זי מאכט איהם אפשר ניט רייך, אבער שטאנדיג פערגוטיגט אזוי ווי אין פסוק שטעהט עובד אדמתו ישבע לחם. וועגען די וויין-פלאנטאציעס אבער, קענען מיר זיך פארשטעללען פון די ידיעות וואס דער דייטשער קאנסול פאן-טישענדארף האט אויפגעגעבען פונ'ם יאהר 1886. ער מאכט א חשבון אז מע זאל 5 יאהר גאר ניט געניסען פון די ווייגשטאקען אונ נאכדעם זאל אלע 3 יאהר ניט געראטהען, וועט נאך אלץ דער וויין טראגען 25 % פונ'ם קאפיטאל. כמעט אזוי זענען די פארדינסטען פון די בוימעל'ן אונ שפינעריי.

„אום בכלל צו האראקטעריזירען די ארבעט פון דער באנק, וועלען מיר דא ברייגנען א פלאן, וואס א גרויסע האמבורגער פירמא, וועלכע האנדעלט מיט די אזיאטישע לענדער, האט צוריק מיט עטליכע יאהר פארגעלייגט. מיר נעמען פון דארט ארויס פאלגענדע ווערטער:

„מיר דארפען אייגענטליך ניט אנקוממען צום רחמנות פון אונזערע רייכע ברידער, כדי איבערצופיהרען א געוויסען טהייל פון די פארטריבענע יודען קיין ארץ-ישראל, האטש זייערע מעשים זענען אוודאי זעהר געשעצט; מיר דארפען ניט מעהר ווי גרונדען א אינדוסטריע-באנק, וועלכע זאל דורך אפענטליכע חתימות אויף די אקציעס אריינציהען נאטיגע מיטטעל צום אויספיהרען פון דעם פראיעקט. אז די אקציעס וועלען אויספערקויפט ווערען וועט מען אוועקשיקען קיין ארץ-ישראל 5 יודישע דירעקטארען, מענשען וואס זענען אין דעם פאך געלערענט. אונ זיי וועלען דארט אפענען 5 געשעפטס-הייזער אין 5 שטעדטען; די געשעפטען וועלען זיך בעמיהען איינצוקויפען גוטע שטיקער לאנד מיט וואסער אונ מיט אלע אנדערע נאטינקייטען אונ דארט אויסבויען לעדער-פאבריקען, מעהל- אונ קנאכען-מיהלען, גלאז-היטטען, פאבריקען

פון עֶמַאלִירְטֶען אַייזֶען-גֶעשִׁירְר, טאפֶּער- אונ פַאיַאנְס-פַאבְּרִיקֶען, פון מַאשִׁינֶען, פון זֵייף, פון שְׁלַיאפֶּעס, פון פַּאפִּיֶער; וָואל- בַּייְוָויל- אונ זֵייד-שְׁפִּינֶערַיי, בּוּכְ-דְרוּקֶערַייֶען אונ בִּיֶער-בְּרוּיֶערַייֶען.

„אַז סֶע וֶועלֶען זַיין פַאבְּרִיקֶען, וֶועט דִי דִירֶעקְצִיֶע פון דֶער בַּאנְק, וֶועלְכֶע וֶועט זִיצֶען אִין בֶּערְלִין אָדֶער אִין לָאנְדָאן, מִיט הִילְף פון אַ גֶעוִויסֶער אָרְגַאנִיזַאצִיֶע, אִיבֶּערְנֶעהמֶען דִי אַלֶע אוּמְגְלִיקְלִיכֶע יוּדֶען אונ זַיי אַיינְרִיכְטֶען יֶעדֶען צוּ וָואס עֶר קֶען פֶּאהִיג זַיין.

„אַז דִי פַאבְּרִיקֶען קֶענֶען אַיינְטְרָאגֶען גוּטֶען רֵיוַח, וַויים אִיךְ פון מַיין אַייגֶענֶער פְּרַאקְטִיקֶע. אוֹיךְ דִי גֶעשֶׁעפְטֶען וָואס מַיין פִירְמַא טְרַייבְּט אִין בֵּיירוּט בֶּעשְׁטֶעטִיגֶען מִיר מַיין הַשְׁעָרָה אוֹיפְ׳ן בֶּעסְטֶען אוֹפֶן. אִיךְ הָאבּ בֶּעצוֹיגֶען פון דָארְט תְּבוּאָה אונ הָאבּ דוּרְךְ אָדֶעסַּא צוּרִיק גֶעשִׁיקְט אַהִין מֶעהְל, אִיךְ הָאבּ בֶּעצוֹיגֶען פון דָארְט וָואלְל אונ צוּרִיק גֶעשִׁיקְט וֶועבֶּערַיי, אִיךְ הָאבּ בֶּעצוֹיגֶען אַללֶערְלַיי פֶעללֶען אונ אוֹיךְ גֶערְבֶּער שְׁטָאפֶען וִוי שְׁמַאק א. ד. ג. אונ הָאבּ צוּרִיק גֶעשִׁיקְט אִין גְרוֹיסֶע מֶענְגֶען אָבְּגֶעפּוּצְטֶע, סַאטִינִירְטֶע, לַאקִירְטֶע לֶעדֶער פון אַלֶע מִינִים; אִיךְ הָאבּ פון דָארְט בֶּעצוֹיגֶען רִינְדֶערְן- אונ שָׁאף- חֵלֶב אונ צוּרִיק גֶעשִׁיקְט זֵייף אונ פַּארְפוּמֶערְיֶע אונ נָאךְ אַ מֶענְגֶע אַנְדֶערֶע אַרְטִיקְלֶען, וֶועלְכֶע אִיךְ אַלֵיין הָאבּ זַיי בֶּעצוֹיגֶען אַלְס רוֹיה- פְּרָאדוּקְט אונ נָאךְ דֶער בֶּעאַרְבַּייטוּנְג אַהִין צוּרִיק גֶעשִׁיקְט, נַאטוּרְלִיךְ מִיט טַייֶערֶערֶע פְּרַייזֶען. אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ וַוייזֶען מַיינֶע בִּיכֶער, כְּדֵי מֶע זָאל זֶעהֶען וִויפִיל דִי גֶעשֶׁעפְטֶען הָאבֶּען מִיר אַיינְגֶעטְרָאגֶען.

„אונ נִיט נוּר פַּאלֶעסְטִינַא אַלֵיין, זָאנְדֶערְן אוֹיךְ דִי אַרוּמִיגֶע לֶענְדֶער וִוי סוּרְיָא, קוּרְדִיסְטַאן, אַרְמֶענִיֶע, מֶעסַאפּאטַאמִיֶע, פֶּערְסִיֶע, קַאוְקַאז, קְלֵיין-אַזִיֶע, אַרַאבִּיֶע אונְד מִצְרַיִם, פַארְזָארְגֶען אֵייְרָאפַּא, דוּרְךְ דִי פָּארְטֶען לִיוֶוערְפּוּל אונ מַארְסֶעל, מִיט פִיעל רוֹיהשְׁטָאפֶען פַאר זֶעהר בִּילְלִיגֶע מְקָחִים אונ דִי אַייגֶענֶע שְׁטָאפֶען וֶוערֶען דֶערְנָאךְ אִין אֵייְרָאפַּא בֶּעאַרְבֶּעט אונ צוּרִיק גֶעשִׁיקְט אַהִין, אַלְס אֵייְרָאפֶּאִישֶׁעס פַאלְקָאמֶ-מֶענְהַייט, גֶעוואהְנְלִיךְ, שׁוֹין צוּ פִיעל טַייֶערֶערֶע מְקָחִים. בִּכְלַל הֶערְשְׁט אִין פַּאלֶעסְטִינָא אַ שְׁטַארְקֶער בֶּעדַארְף אִין אַלֶע סָארְטֶען לֶעדֶער אונ שׁוּךְ-אַרְטִיקְלֶען, אִין בּוֹי-אַרְטִיקְלֶען, שְׁטֵיין- אונ פַאיַאנְס-וַואַרֶען, פֶענְסְטֶער אונ

אַנְדֶערֶער גְרָאז, הָאלְץ־ אונ אַייזֶען־גֶעשִׁירְר, װֶערְק־מַאשִׁינֶען, פַּאפִּיר אונ מַאנוּ־
פַאקְטוּר־סְחוֹרָה אַלֶער אַרְט אונ, בִּכְלָל, אִין אַלֶע מֶענְשְׁלִיכֶע בֶּעדֶערְפֶענִישׁ.

„די אַלֶע סְחוֹרוֹת קֶען מֶען פַאבְּרִיצִירֶען אִין פַּאלֶעסְטִינָא װַייל די
רוֹיהֶע מַאטֶערְיַאלֶען הֶערְפוּן זֶענֶען דָארְט זֶעהר בִּילְלִיג, אונ די בַּאנְק, װֶעלְכֶע
װֶעט גְרִינְדֶען די אַלֶע פַאבְּרִיקֶען װֶעט נִיט נוּר אָבְנֶעמֶען דֶעם גַאנְצֶען פְּדְיוֹן פוּן
דֶעם לַאנְד אַלֵיין, זָאנְדֶערְן װֶעט אוֹיסְשְׁפְּרֵייטֶען זַיין הַאנְדֶעל אַרוּם אונ אַרוּם
אִיבֶּער אַ גְרוֹיסֶען טְהֵייל פוּן אַזְיֶע אונ פוּן אַפְרִיקָא, אונ װֶעט קָאנְקוּרִירֶען
מִיט דֶער אֵייְרָאפֶּאִישֶׁער אִינְדוּסְטְרִיֶע. זִי װֶעט קֶענֶען קָאנְקוּרִירֶען װַייל זִי װֶעט
הָאבֶּען בִּילְלִיגֶערֶע אַרְבֶּעט־קְרֶעפְטֶען אונ בִּילְלִיגֶערֶע פְרַאכְטֶען אֲפִילוּ אִין די
װַייטֶערְסְטֶע גֶעגֶענְדֶען פוּן אַזְיֶע אונ אַפְרִיקָא.

„אוֹיף דִיזֶען װֶעג װֶעט אוּנְז גֶערָאטְהֶען צֶעהְנֶער טוֹיזֶענְדֶער פוּן אוּנְזֶערֶע
פֶערְפָאלְגְטֶע בְּרִידֶער פֶערְזָרְגֶען מִיט אַ עֶהרְלִיךְ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט, אונ די גְבִירִים
װֶעלֶען הֶערְבַּיי גָאר נִיט פֶערְלִירֶען, דֶענְן זַיי װֶעלֶען מַאכֶען מִיט די אַקְצִיֶעס
זֶעהר אַ גוּט גֶעשֶׁעפְט.

„אַלְס בֶּעװַייז אַז דֶער הַאנְדֶעל אִין פַּאלֶעסְטִינָא, אַבִּי עֶר װֶערְט
גֶעפִיהְרְט דוּרְךְ קְלוּגֶע, אֵייְרָאפֶּאִישׁ גֶעבִּילְדֶעטֶע, סוֹחֲרִים, בְּרֵיינְגְט אַיין זֶעהר
גוּטֶען רֶיוַח, — קֶען נוּטְצֶען דֶער פַאקְט, װָאס ה׳ שׁ. אונ ה׳ ת., װֶעלְכֶע
הָאבֶען זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט צוּרִיק מִיט 18 יָאהר גָאר מִיט גֶעצֵאהלְטֶע גְרָאשֶׁען,
הָאבֶּען בְּלוֹיז פוּן אִימְפָּארְט אונ עֶקְסְפָּארְט גֶעמַאכְט קַאפִּיטַאלֶען, דֶער עֶרְשְׁטֶער
אִין יָפוֹ אַ גַאנְצֶען מִילְיָאן, אונ דֶער אַנְדֶערֶער אִין חֵיפָה אַ הַאלְבֶּען מִילְיָאן
פְרַאנְקֶען! דָאס מִיטְטֶעל־לֶעבֶּען קָאסְט אִין פַּאלֶעסְטִינָא גָאר בִּילְלִיג,
דְרִיבֶּער װֶעלֶען די אַרְבֶּעטֶער אוֹיף די פַאבְּרִיקֶען קֶענֶען דוּרְךְ־קוּמְמֶען מִיט נִיט
קַיין גְרוֹיסֶע שְׂכִירוֹת, אונ די בִּילְלִיגֶע אַרְבַּייט װֶעט מַאכֶען די פַאבְּרִיקַאנְטֶען
קָאנְקוּרֶענְץ־פֶעהִיג גֶעגֶען אַלֶע אַנְדֶערֶע לֶאנְדֶער.

אָט אַזוֹי הָאט דֶעם פְּלַאן פָארְגֶעלֵייגְט צוּרִיק מִיט עֶטְלִיכֶע יָאהר די
הַאמְבּוּרְגֶער פִירְמַא. מִיר אָבֶער מֵיינֶען נִיט, אַז די בַּאנְק זָאל די אַלֶע פַאבְּרִיקֶען
אוֹיסְבְּרוֹיֶען אַלֵיין אוֹיף אֵייגֶענֶער רֶעכְנוּנְג אונ אוֹיף אֵייגֶענֶער רִיזִיקֶע,
אוּנְזֶער פְּלַאן בֶּעשְׁטֵעהט אִין דֶעם, אַז די בַּאנְק זָאל מִיט אִיהרֶע קַאפִּיטַאלֶען
אַרוֹיסְרוּפֶען אונ אוּנְטֶערְשְׁטִיטְצֶען אַזוֹינֶע גֶעשֶׁעפְטֶען, דוּרְךְ הַלְוָאוֹת אָדֶער דוּרְךְ

א מין ארט שותפות אויף געוויסע בעדינגונגען.

„פון דעם אלעמען וועט יעדער ערפאהרענער מענש ארויסזעהען, אז די באנק האט פאר זיך גאר א גרויס פעלד צום ארבעטען מיט נוטצען און זי דארף דריבער האבען גרויסע קאפיטאלען. לע"ע גרינדעט מען די באנק מיט א אקציען-קאפיטאל פון 2 מיליאן פונט שטערלינג, בערך 20 מיליאן רובעל.

„די דירעקציע פון דער באנק וועט מוזען געדענקען אז זי דארף צופרידען-שטעללען ביידע זייטען: די אידעאלע זייט פונם ציוניזם און די מאטעריעללע אינטערעססען פון די אקציאנערען.

„צו בעהיטען די אינטערעססען פונ'ם ציוניזם ווערט אויסגעקלויבען דורך'ן ציוניסטען-קאנגרעס א באנק-קאמיסיע, וועלכע וועט אכטונג געבען, אז די באנק זאל ארבעטען צו נוטצען פונ'ם כלל ישראל. און ווידער איין אנדער קאמיסיע וועלען פון זיך אויסקלויבען די אקציאנערען, וועלכע וועט אכטונג געבען אז די באנק זאל מאכען געשעפטען לטובה פון זייער געלט.

„די דירעקציע אליין וועט מען איבערגיבען אין די האנד פון טיכטיגע פינאנסיסטען און געשאפטסמאננער, וועלכע וועלען קודם כל זיין פעראנטווארט-ליך, אז דאס אקציען-קאפיטאל זאל פערווענדעט ווערען אין די אינטערעססען פון די אקציאנערען.

„דאס ארט פון דער באנק וועט זיין אין לאנדאן. נור אום די זאך נאך פעסטער צו ארגאניזירען, וועלען מיר זי גרינדען לויט די דייטשע זאקאנען איבער אקציען-געזעללשאפטען פונ'ם 10 טען מאי 1897, ווי ווייט די זאקאנען זענען מסכים מיט די ענגלישע זאקאנען.

„די תקנות פון דער באנק, וועלכע זענען בעשטעטיגט געווארען אין באזעל אויפ'ן צווייטען קאנגרעס (זעה מיין ביכעל: דער צווייטער ציוניסטען-קאנגרעס אין באזעל, פערלאג „עזרא"). דארפען זיין די גרונדלאגע פון דער גאנצער ארבעט אין דער באנק. די תקנות זענען שוין גענוג ארויס צונעמען דעם טעות, וואס איניגע האבען זיך איינגערעדט אז מיט דער יודישער באנק ווילען מיר אנמאכען א קאנקורענציע די איראפעאישע קריסטליכע באנק. אין איראפא וועט די באנק מאכען געשעפטען נור דערווייל און נור אויף אזוי פיעל, וויפיל ס'איז נייטיג אום דאס גרויסע קאפיטאל ניט לאזען ליגען אהן

נוּטְצֶען בִּיז סֶע וֶועלֶען זִיךְ אָנְהוֹיבֶּען דִי אֱמֶת'ע גֶעשֶׁעפְטֶען, פַאר וֶועלְכֶע דִי בַּאנְק וֶוערְט גֶעגְרוּנְדֶעט.

„פוּן דֶעם וָואס מִיר הָאבֶּען דָא גֶעזָאגְט קֶען מֶען שְׁלִיעסֶען אַז דֶער קַאפִּיטַאל פוּן דֶער בַּאנְק וֶועט אַיינְטְרָאגֶען אַ גוּטֶען רֶוַח, אֶפְשַׁר נִיט אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָאהְרֶען אָבֶּער אִין גָאר אַ קוּרְצֶער צַייט. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען דַארְף מֶען זִיךְ נִיט פָארְשְׁטֶעלֶּען צוּ פִיעל, דֶענְן מֶע דַארְף גֶעדֶענְקֶען, אַז אַ גֶעווִיסֶער טְהֵייל פוּנְ'ם קַאפִּיטַאל וֶועט מֶען מוּזֶען אַרַיין לֶעגֶען אוֹיף אַ לַאנְגֶערֶע צַייט אָהְן שׁוּם בֶּעוֶועגוּנְג.

„מִיר קֶענֶען אָבֶּער אוֹיסְדְרִיקֶען אוּנְזֶער אִיבֶּערְצַייגוּנְג אַז אוּנְטֶער אַ טִיבְ־טִיגֶער פִיהְרוּנְג, וֶועט דִי בַּאנְק דִינֶען דֶעם צְוֶועק פוּנְ'ם צִיוֹנִיזְם אוּנ פוּנְ'ם כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּנ אוֹיסֶער דֶעם וֶועט זִי בְּרֵיינְגֶען פִיעל נוּטְצֶען דֶער גַאנְצֶער קוּלְטוּרְנֶע וֶועלְט. דוּרְךְ דֶעם וָואס זִי וֶועט אוֹיפְלֶעבֶּען אַ גְרוֹיס לַאנְד. דִי גֶעלְטֶען וֶועלֶען אַיינְטְרָאגֶען רֶוַח אוּנ דְרִיבֶּער וֶועלֶען אַרַיין לֶעגֶען זַייעֶרֶע גֶעלְטֶען אִין דֶער בַּאנְק דִי מֶענְשֶׁען וֶועלְכֶע בֶּענִיגֶען זִיךְ מִיט אַ מִיטְטֶלֶען פֶּערְדִיעֶנְסְט, דֶענְן זֵיי וֶועלֶען וִויסֶען אַז חוּץ זַייעֶר אֵייגֶענֶער טוֹבָה, שְׁטִיטְצֶען זֵיי אוּנְטֶער אַ הוֹיכֶען אִידֶעאַל צוּ נוּטְצֶען פוּן דֶער גַאנְצֶער מֶענְשֶׁענְהַייט".

---

אִיךְ זָאג נָאךְ אַ מָאהל: מִיר הָאבֶּען אַלֶע מִיטְטֶלֶען צוּ דֶערְלַאנְגֶען אוּנְזֶער צִיעל, עֶהְרְלִיכֶע אוּנ עֶנֶערְגִישֶׁע פִיהְרֶער, גְלִיקְלִיכֶע גֶעלֶעגֶענְהַייטֶען, אוּנְז פֶעהלְט נוּר – גֶעלְט.

ד"ר הֶערְצְל זָאגְט אִין לוּחַ אֲחִיאָסָף: „אוּמְמֶעגְלִיךְ – אִיז פַארַאנֶען נוּר פַאר פוֹילֶע יוּנְגֶען, פַאר טוֹיגֶענִיכְטְסֶען. אָבֶּער קַיין זַאךְ אִיז נִיט אוּמְמֶעגְלִיךְ פַאר אַ שְׁטַארְקֶען ווִילֶען. וֶוער סֶע נֶעמְט זִיךְ פָאר זַיין זַאךְ מִיט אַ פֶעסְטֶען רָצוֹן, פַאר דֶעם אִיז אַלֶעס מֶעגְלִיךְ. מִיר דַארְפֶען, דְרִיבֶּער, אַרְבֶּעטֶען אָהְן אַ אוֹיפְ־הֶער מִיט אַ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְטֶען, פְרִיהֶער בַּאטְרַאכְטֶען, פְּלַאן".

וואוּ נֶעמְט מֶען אָבֶּער בַּיי אוּנְזֶער פָאלְק דֶעם שְׁטַארְקֶען רָצוֹן?

דֶער בֶּערִיהְמְטֶער דָאקְטָאר מַאקְס נָארְדוֹי עֶנְטְפֶערְט אוֹיף דֶער שַׁאֲלָה אוֹיךְ אִין דֶעם אֵייגֶענֶעם לוּחַ אֲחִיאָסָף:

„יֶעדֶער פוּן אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער – זָאגְט עֶר – דַארְף זִיךְ בֶּערֶעכֶענֶען, אַז עֶר לֶעבְּט יֶעצְט אִין זֶעהר אַ וויכְטִיגֶער הִיסְטָארִישֶׁער צַייט. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט עֶרְוַוארְטֶעט אַז דָאס יוּדִישֶׁע פָּאלְק זָאל זִיךְ מִיט אַ מָאל אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת אוּנ זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיסְהֶעלְפֶען פוּן זַיין נִידְרִיגֶער לַאגֶע. יֶעדֶער פוּן אוּנְז דַארְף, דְרִיבֶּער, גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר וֶועלֶען אָבְּגִיבֶּען פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערֶע דוֹרוֹת דִין וְחֶשְׁבּוֹן, פַאר אוּנְזֶער אוֹיפְפִיהרוּנְג אִין אַזַא צַייט, וֶוען אַרוּם אוּנְז שְׁוֶועבֶּען אִין דֶער לוּפְט גְרוֹיסֶע עֶרְאייגְנִישֶׁען. מִיר זֶענֶען פֶערַאנְטְוָוארְטְלִיךְ פַאר אוּנְזֶערֶע וַויטֶעסְטֶע קִינְדְס-קִינְדֶער, פַאר דִי גְרוֹיסֶע מַעֲשִׂים, וָואס דִי וֶועלְט קוּקְט אַרוֹיס צוּ זֶעהֶען פוּן אוּנְז. יֶעדֶער יוּד מוּז זִיךְ קוֹדֶם כָּל אוֹיסְלֶערְנֶען צְווייא זַאכֶען: עֶר זָאל פִיהלֶען אַלֶע כְּלַל-עִנְיָנִים אוּנ זֵיי בֶּעטְרַאכְטֶען גְלַייךְ וִוי זַיינֶע אַייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסְסֶען, אוּנ עֶר זָאל נָאכְגֶעהן זַיינֶע פִיהרֶער, וֶועלְכֶע עֶר הָאט אַלֵיין אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען. מִיט אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער הֵייסְט עֶס: לֶעבְּהַאפְטֶע טְהֵיילְנַאהמֶע אִין אַלֶע פָאלְקְס-אִינְטֶערֶעסֶען, אוּנ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִינֶע – דָאס זֶענֶען דִי מִיטְטְלֶען דוּרְךְ וֶועלְכֶע מִיר קֶענֶען מַאכֶען פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם שַׁארְבֶּען, אַ רִיכְטִיג אַנְגֶעאָרְדְנֶעטֶעם פָּאלְק . . .“

„אוּנ אוּמֶעדוּם וואוּ סֶע קוּמֶען זִיךְ צֶענוֹיף דְרַייא יוּדֶען צוּ׳ אַ זִימוּן, אוּנ אוּמֶעדוּם וואוּ סֶע פֶערְזַאמְלֶען זִיךְ צֶעהן יוּדֶען צוּ׳ן אַ מִנְיָן, הָאבֶּען דִי יוּדֶען קֵיין שׁוּם פַארֶענְפֶערוּנְג נִיט וֶוען זֵיי גְרִינְדֶען נִיט קֵיין צִיוֹנִיסְטִישֶׁען פֶעראַיין. אַ פֶעראַיין פוּן דְרַייא אָדֶער פוּן צֶעהן חֲבֵרִים וֶועלְכֶער דַארְף זוּכֶען זִיךְ אַנְצוּשְׁלִיעסֶען אִין אַ גְרֶעסֶערֶען פֶעראַיין, אוּנ דֶער גְרֶעסֶערֶער אִין נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶען בִּיז צוּ דֶער צֶענְטְרַאל-פֶערְאַיינִיגוּנְג פוּן אַלֶע צִיוֹנִיסְטֶען. דִי גְרִינְדוּנְג פוּן צִיוֹנִיסְטִישֶׁע חֶבְרוֹת פוּן דֶער קְלֶענְסְטֶער אָן, הָאט שׁוֹין פַאר זִיךְ אַלֵיין אַ אוּמְגֶעהַייעֶר גְרוֹיסֶען וֶוערְטה. יֶעדֶער יוּד אַז עֶר וֶוערְט אַ חֶבְרָה-מַאן פוּן אַזַא חֶבְרָה, הֵייבְּט עֶר בַּאלְד אָן צוּ פִיהלֶען אַז עֶר אִיז שׁוֹין נִיט עֶלֶענְד אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר זֶעהט אַרוּם זִיךְ בְּרִידֶער וָואס פִיהלֶען אֵיין צָרָה אוּנ הָאפֶען אֵיין הָאפְנוּנְג.

„נַאטוּרְלִיךְ וֶוערְט דִי לַאגֶע פוּנ׳ם צִיוֹנִיסְט נִיט בֶּעסֶער טַאקֶע תֵּיכֶף בְּעֵת עֶר פַארְשְׁרַייבְּט זִיךְ אִין דֶער חֶבְרָה. קֵיין גֶעלְט קֶען עֶר דֶער מִיט נִיט פֶערְדִינֶען – חָאטְשׁ אַ מָאל קֶען עֶס אֶפְשָׁר מִיט בְּרֵיינְגֶען פַּרְנָסָה אוֹיךְ – עֶר פֶערְדִיעֶנְט אָבֶּער דַאגֶעגֶען הָאפְנוּנְג. דֶער יוּד וָואס גֶעהְט אִין אַקֶער זַיין גַאנְץ לֶעבֶּען,

וואס יעדער שטיקעל ברויט קומט איהם אָן מיט׳ן שווייס פונ׳ם פּנים, אונ וועלבער האט שוין כּמעט פארלויערען אינגאנצען די האָפנונג אויף בעסערע צייטען, הייבט זיך פּלוצים אויף איבער דעם טריקענעם אונ נמאָס׳ען אַללטעגליכען לעבען, ער הייבט אָן חלום׳ען זיסע חלומות, ניט וועגען זיין נפש אליין, זאנדערן וועגען אַלע זיינע ברידער אונ גלויבענס־גענאָססען פון אַלע עקען פון דער וועלט, אונ די זיסע חלומות פערעדלען זיין גייסט אונ שטארקען זיין געמוטה אַזוי אַז סע ווערט איהם אַ סך לייכטער איבערצוטראָגען זיין שווערען מעמד.״

„די ציוניסטישע חברות זענען אויסערדעם טאקע זעהר וויכטיג פאר אונזער אידעע אין תּכלית. ווייל נור אלס פארשטעהער פון אַ פאָלק קענען אונזערע פיהרער זיך פאָרשטעלען פאר מלכים ושרים אונ זיי פאָרלעגען אונזער ווילען. כּל זמן אָבער מיר האבען ניט קיין פאקטען אין די הענד צו ווייזען אַז אונז האט געשיקט דאס יודישע פאָלק, זענען מיר ניט מעהר ווי פּראָסטע איינציגע מענשען מיט וועלכע סע ניט אַנשטאנדיג פאר קיין מלוכה צו אונטער־האנדלען. ווער די מענשען זאלען ניט זיין״.

אלס שתּדלנים דארפען די פיהרער זיין אויסגעקליבענע בעפאללמאכטיגטע פונ׳ם גאנצען יודישען פאלק. ביי געלט־אונטערהאנדלונגען איז נאָך דאס אויך ניט גענוג. סע שוין אַזוי אָנגענומען געוואָרען אין דער וועלט אַז געלט לייען איז נור אַנשטאנדיג אין אַ באנק. יעדער סוחר שעמט זיך אונ זוכט ווי ווייט מעגליך צו בעהאלטען די הלוואות וואס ער מאכט ביי זייטיגע מענשען, אונ דער אייגענער סוחר האלט עס זיך פאר אַ כּבוד אונ בעריהמט זיך נאָך דערמיט וואס מע האָט איהם געעפענט אַ קרעדיט אין באנק. חאטש אין אמת׳ן איז עס די אייגענע הלוואה.

דאס נעמליכע איז אויך מיט רייכס־אנלייהען. די טירקישע רעגירונג וועט זיכער ניט מאכען קיין הלוואה ביי זייטיגע מענשען ווער זיי זאלען ניט זיין. זי וועט אָבער געוויס זיך בענוטצען מיט די געלדער פון דער יודישער באנק אונ דערפאר אונז שענקען די פּריווילעגיעס וועלכע זענען אונז נאטיג אום אויפצופיהרען אַ ברייטע קאלאָניזאציע אין פּאלעסטינא.

די הויפּט־ארבעט בעשטעהט אַלזאָ אין די צוויי פּונקטען: 1) גרונדען אומעדום ציוניסטישע חברות וועלכע העבען אויף דאס געמוטה פון אונזער

פָאלְק און גִיבֶּען אַריין אַ כּוח דִי אַנְפִיהְרֶער זֵיי זָאלֶען קֶענֶען פָארְטְרֶעטֶען פַאר וֶועמֶען סֶע אִיז נֵיאטִיג, און זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זַיין פַאר אונְזֶער זַאךְ. און 2) וִוי וַוייט מֶעגְלִיךְ פֶערְגְרֶעסֶערְן דִי יוּדִישֶׁע קָאלָאנִיַאל בַּאנְק.

אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגֶען וַוייטֶער מִיט נָארְדוי'ס וֶוערְטֶער:

„אום אויפְצובויֶען „צִיון“ דָארְט אִין אונְזֶער הֵיילִיג לַאנְד, דַארְף יֶעדֶער יוּד, קוֹדֶם כֹּל, בּויֶען „צִיון“ בַּיי זִיךְ אִין הַארְצֶען. לָאמִיר נִיט פְרֶעגֶען: „וָואס טְהוּט מֶען עֶפִּים דָארְט אִין וִויעֶן וֶועגֶען אונְזֶער אִידֶעע?“ יֶעדֶער דַארְף זָאגֶען צוּ זִיךְ אַלֵיין: „נֶעכְטֶען בִּין אִיךְ נָאךְ נִיט גֶעוֶועןַ קֵיין צִיוֹנִיסְט, פָאלְגְלִיךְ הָאט דֶער צִיוֹנִיזְם גֶעמַאכְט פָארְשְׁרִיטֶע פוּן נֶעכְטֶען בִּיז הַיינְט. דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע צִיוֹנִיסְטִישֶׁע נַייעֶס“. לָאזֶען אונְזֶערֶע בְּרִידֶער נִיט וַוארְטֶען בִּיז מֶע וֶועט דָארְט אִין וִויעֶן וַוייזֶען נִסִים וְנִפְלָאוֹת. אַדְרַבָּא אִין וִויעֶן קוּקְט מֶען אַרוֹיס אַז דָא בַּיי אונְז זָאל גֶעשֶׁעהֶען דֶער נֵס פוּן יְחֶזְקֵאל, אַז דִי פַארְדַארְטֶע און פַארְטְרִיקֶענְטֶע בֵּיינֶער, צוּוַויעט און צוּשְׁפְּרֵייעט מִיט דִי גוּפִים און מִיט דִי גֶעדַאנְקֶען, זָאלֶען זִיךְ צוּנויף־נֶעמֶען און לֶעבֶּעדִיג וֶוערֶען“.

# דִי תַּקָנוֹת

פוּן דֶער יוּדִישֶׁער קָאלָאנִיאַל-בַּאנְק , וֶועלְכֶע זֶענֶען בֶּעשְׁטֶעטִיגְט גֶעוָוארֶען אוֹיף דֶעם צְוַויישֶׁען צִיוֹנִיסְטֶען-קָאנְגְרֶעס אִין בַּ א זֶ ע ל :

§ 1

אוּנְטֶער דֶעם נָאמֶען „יוּדִישֶׁע קָאלָאנִיאַלְבַּאנְק" וֶוערְט גֶעגְרִינְדֶעט אַ בַּאנְק , וֶועלְכֶע שְׁטֶעהט אוּנְטֶער דֶער אוֹיפְזִיכְט פוּן אַ בֶּעזוּנְדֶער קָאמִיסִיֶע , וָואס דֶער קָאנְגְרֶעס וֶועט אוֹיסְקְלוֹיבֶּען , אוּנ וֶועלְכֶע וֶועט זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגֶען מִיט :

א) גְרִינְדוּנְג פוּן פַאבְּרִיקַאצִיֶעס , אַסְסֶעקוּרַאנְץ-גֶעזֶעלְלְשַׁאפְטֶען אוּנ פַארָאכְטאָדְסְטְוֶועס (שִׁיפְפַארְט) אִין דִי מִזְרַח-לֶאנְדֶער , אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס אִין אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל , צוּ וֶועלְכֶע מֶע וֶועט צוּצִיהֶען יוּדִישֶׁע אַרְבַּייטְס-קְרֶעפְטֶען .

ב) אוּנְטֶערְשְׁטִיצוּנְג דִי יוּדִישֶׁע קָאלָאנִיֶעס , בֶּעזָאנְדֶערְס אִין אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל , דוּרְךְ וָואלְוֶועלֶע הַלְוָאוֹת אוֹיף וֶועכְסְלֶען , מַשְׁכָּנוֹת אָדֶער גַארַאנְטִיֶע אוֹיף זַייֶער עֶרְד , אוּנ דוּרְךְ אַיינְקוֹיף פוּן לַאנְדְבֶּעזִיץ א. ד. ג.

ג) עֶנְטְוִויקְלֶען דֶעם הַאנְדֶעל אִין אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶע וֶועט אוּנְטֶערְשְׁטִיטְצֶען דִי סוֹחֲרִים-אוּנ פְּרָאדוּקְט הֶאנְדְלֶער .

ד) אָבְּנֶעמֶען קָאנְצֶעסְסִיֶעס אוֹיף צוּ בּוֹיֶען בַּאהְנֶען אוּנ פָּארְטֶען בַּיי'ם יַם , מָאנָאפָּאלֶען אוֹיף בֶּערְגְבּוֹי אוּנ וֶועלְט-הַאנְדֶעל אִין דִי מִזְרַח-לֶאנְדֶער אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס אִין אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל .

§ 2

דֶערְוַוייל דַארְף דִי בַּאנְק אִיהר גֶעלְט אַרַיין לֶעגֶען אִין אַזוֹינֶע רֶעעֶלֶע גֶעשֶׁעפְטֶען , אַז מֶע זָאל עֶס קֶענֶען גִיךְ אַיינְקַאסְסִירֶען .

§ 3

דִי בַּאנְק טָאר בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט מַאכֶען קַיין שְׁפֶּעקוּלַאצִיאָנְס-גֶעשֶׁעפְטֶען .

§ 4

דִי בַּאנְק וֶועט עֶפֶענֶען אָבְּטְהֵיילוּנְגֶען אִין פֶערְשִׁיעדֶענֶע לֶאנְדֶער וואו אונ וֶוענְן זִי וֶועט גֶעפוּנֶען פַאר נֵייטִיג .

§ 5

דִי בַּאנק וֶוערְט גֶעגְרוּנְדֶעט מִיט אַ קאפִּיטַאל פוּן 2 מִילְיאָן פוּנְט שְׁטֶערְלִינְג (בְּעֶרֶךְ 20 מִילְיָאן רוּבֶּעל) וֶועלְכֶעס בֶּעשְׁטֵעהְט פוּן אַקְצְיֶעס צוּ 1 פוּנְט אַ שְׁטִיק. דִי קָאמִיסִיֶע וֶועלְכֶע וֶועט צוּ גְרֵייטֶען דִי גְרִינְדוּנְג פוּן דֶער בַּאנְק , קֶען זִיךְ בֶּענוּטְצֶען בַּיי דֶער גְרִינְדוּנְג פוּן דֶער בַּאנְק, נוּר מִיט אַ גֶעווִיסֶען טְהֵייל פוּן דִי אַקְצִיֶעס .

§ 6

דָאס אָרְט פוּן דֶער בַּאנְק אִיז אִין לָאנְדָאן .

§ 7

דִיא אַלֶע פְּרָטִים פוּן דֶער בַּאנְק וֶועט אוֹיס אַרְבַּייטֶען אַ בֶּעזוּנְדֶער קָאמִיסִיֶע, וֶועלְכֶע וֶועט מְהוּיֶען איהר זַאךְ לוֹיט דִיזֶע גְרוּנְד־פּוּנְקְטֶען אונ מִיט דֶער הַסְכָּמָה פוּנ'ם אַקְצִיאָנֶס־קָאמִיטֶעט אִין ווִיעֶן .

LIBRARY
197
FEB
15

# די באַנק קאָמיסיע

וואָס דער צווייטער ציוניסטען-קאָנגרעס אין באַזעל האָט אויסגעקליבען צו גרינדען די באַנק.

| | | |
|---|---|---|
| 1) ה' וואָלפזאָהן | פון | קעלן (דייטשלאַנד) |
| 2) ה' קאַהן | " | האַאַג (האָללאַנד) |
| 3) ה' היימאַן | " | לאָנדאָן (ענגלאַנד) |
| 4) ה' לאנדא | " | לאָדז (רוסלאַנד) |
| 5) ה' וואכּס | " | " " |
| 6) ה' בּרבּשׁ | " | אָדעססאַ " |
| 7) ה' לוריא | " | פּינסק " |
| 8) ה' פינעלעס | " | גאַלאַץ (רומעניען) |
| 9) ה' קאַהן | " | ווין (עסטרייך) |

# ,עזרא״ס קאטאלאָג

## אייגענע אויסגאבען :

פיר מו״ם און חויץ גרויסער ראבאט.

1-2) משיחים ציימען א ציוניסטישער ראמאן 2 העפט—שלום עליכם.

3) ביז וואנען וועלען יודען זיין אין גלות ? — פלי.

4) פראפעססאר שפירא (ביאגראפיע) — וויערניקאווסקי.

5) מאקס נארדוי׳ס רעדע אין בערלין — מקל.

6) וואס מיר וענען אונ וואס פון אונז וועט ווערען ?—ראבניצקי.

7) רבנו שמואל מאהליבער (ביאגראפ׳ע) — מקל.

8) דער צווייטער ציוניסטען-קאנגרעס — מקל.

9) יודיש בלוט אויף א רפואה I — פלי.

10) יודיש בלוט אויף א רפואה II (ענדע) „

11) יודישע קינדער I — א. אביון.

12) יודישע קינדער II — (ענדע) „

13) די יודישע באנק — מקל.

14) על הנסים, א רעדע אויף פורים — פלי.

## פרעמדע אויסגאבען :

1) צו ברידער ציוניסטען, צוויי רעדען פון מקל אונ פלי פרייז 5 קא

2) אויף וואס בעדארפען יודען א לאנד ? „ שלום עליכם „ 8

3) צו אונזערע שוועסטער אין ציון „ „ „ 8

4) וואס דארפען מיר, פון א. ל. ויידמאנן . . . „ 10

5) על ציון ועל מקראיה, שפ״ר . . . . . „ 15

6) רעיונות ע״ד הקונגרס, עהרענפרייז . . . „ 15

7) לוח אחיאסף תרנ״ט 1 רו״כ. מכורך הדר . . . „ 1,40 רו

8) הגרן, מאסף לחכמת ישראל, האראדעצקי . . „ 75 קא

אדרעססע :

Издат. „ЭЗДРА“ Бердичевъ

PURCHASED FOR THE

*University of Toronto Library*

FROM THE

*Joseph and Gertie Schwartz*
*Memorial Library Fund*

FOR THE SUPPORT OF

*Jewish Studies*

3 1761 06562879 4
BRIEF
DSA
0012203